בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת מטות מסעי תש"פ   שבת חזק מברכין   גליון 560 [שנה י"ב]

## לפרשת מטות **פארוואס שטייט נישט וַיְדַבֵּר ה׳ אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר**

וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל רָאשֵׁי הַמַּטּוֹת לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר: (ל ב) דארף מען פארשטיין אז געווענטלאך שטייט וַיְדַבֵּר ה׳ אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר: דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה איבערגעבן צו כלל ישראל, אויב אזוי פארוואס שטייט דא וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה, אנדערש? נאר ווייל מען זעהט אז א נדר אין א צייט פון א צרה מעג מען מאכן – געברענגט פריערדיגע וואך אין פרדס יהודה– אזוי ווי עס שטייט ביי יעקב אבינו: וַיִּדַּר יַעֲקֹב נֶדֶר לֵאמֹר אִם יִהְיֶה אֱלֹקִים עִמָּדִי וּשְׁמָרַנִי בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי הוֹלֵךְ וְנָתַן לִי לֶחֶם לֶאֱכֹל וּבֶגֶד לִלְבֹּשׁ (בראשית כח כו) זאגט דער מדרש רבה (ויצא פרשה ע אות א) וַיִּדַּר יַעֲקֹב נֶדֶר לֵאמֹר אִם יִהְיֶה אֱלֹקִים עִמָּדִי וגו׳: און עס שטייט אֲשֶׁר פָּצוּ שְׂפָתָי וְדִבֶּר פִּי בַּצַּר לִי, (תהלים סו יד) זאגט רַבִּי יִצְחָק הַבַּבְלִי "וְדִבֶּר פִּי בַּצַּר לִי", מיינט אז דוד המלך האט געמאכט א נדר צו מקיים זיין א מִצְוָה בְּעֵת צָרָתוֹ, און וואס מיינט לֵאמֹר? לֵאמֹר לַדּוֹרוֹת כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ נוֹדְרִים בְּעֵת צָרָתָן. קומט אויס אז עפ"י רוב מאכט א מענטש א נדר וועגן א צָרָה, און דער אויבערשטער וויל נישט מייחד זיין זיין הייליגן נאמען אויף א צָרָה, דעריבער שטייט דא אז משה האט גערעדט די פרשה פון נדר צו כלל ישראל, און נישט וַיְדַבֵּר ה׳ אֶל מֹשֶׁה. (אך פרי תבואה להגה"ק מליסקא זצוק"ל)

**פארוואס האט משה פריערט גערעדט צו די רָאשֵׁי הַמַּטּוֹת**

וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל רָאשֵׁי הַמַּטּוֹת לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר: (ל ב) פרעגט רש"י פארוואס האט משה פריערט גערעדט צו די רָאשֵׁי הַמַּטּוֹת און נאכדעם צו בְּנֵי יִשְׂרָאֵל? ווייל חָלַק כָּבוֹד לַנְּשִׂיאִים לְלַמְּדָם תְּחִלָּה, און פארוואס שטייט עס דא אין די פרשה? לִמֵּד שֶׁהֲפָרַת נְדָרִים בְּיָחִיד מֻמְחֶה, אז מען דארף נישט דריי מענטשן ווען עס איז דא א יָחִיד מֻמְחֶה. פרעגט דער הייליגער אבני נזר זצוק"ל, אויב דער גאנצער ענין פון די ראשי המטות איז נאר וועגן צושטערן א נדר, און זיי האבן נישט מיטן מאכן א נדר, איז שווער פארוואס שטייט ראשי המטות ביי מאכן א נדר ווייל פון פסוק איז משמע אז דער חכם האט יא א שייכות מיט מאכן א נדר? נאר דאס צו פארענטפערן: ווייל באמת דארף מען פארשטיין ווי אזוי מעג א מענטש מאכן א נדר און מוסיף זיין אויף זיך א איסור אזאך וואס עס איז מותר פאר אים, וואס דאס איז אזוי ווי ער איז מוסיף אויף די הייליגע תורה, און עס שטייט (דברים ד ב) לֹא תֹסִפוּ עַל הַדָּבָר אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם וגו׳? נאר מען מוז זאגן אז מאכן א נדר איז נישט קיין הוספה אויף די תורה, ווייל די מצוות התורה זענען נצחיות פון אויבערשטן אויף אייביג, און מען קען זיי קיינמאל נישט מבטל מאכן, משא"כ א נדר קען מען דאך גיין צו א חכם און ער קען דאס מֵפִיר זיין און מבטל מאכן, קומט אויס אז דער גאנצער היתר פון קענען מאכן א נדר איז תלוי נאר ווייל א חכם וועט דאס קענען מתיר זיין, דעריבער איז הפלא פארוואס שטייט ראשי המטות ערשט, און פארוואס שטייט בכלל ראשי המטות דא, ווייל די גאנצע דין און מציאות פון א נדר איז נאר וועגן די ראשי המטות. (שם משמואל סאכאטשוב מאביו הגה"צ)

**זיין נאנט מיט א רבי אויף אייביג**

וּמִקְנֶה רַב הָיָה לִבְנֵי רְאוּבֵן וְלִבְנֵי גָד עָצוּם מְאֹד: (לב א) פרעגן אלע איז דאס א שבח פאר בְּנֵי רְאוּבֵן וּבְנֵי גָד אז זיי האבן אסאך בהמות? נאר מִקְנֶה איז לשון פון קִנְיָן, די בְּנֵי רְאוּבֵן וּבְנֵי גָד האבן געבעטן וּמִקְנֶה, אז זיי האבן א קנין און נאנטקייט צו רַב, משה רבינו, און ווייל משה וועט באגראבן ווערן אין עבר הירדן, דעריבער ווילן זיי דארטן בלייבן און זיך נישט אפשיידן פון זייער רבי ווייל דער שייכות איז עָצוּם מְאֹד. (אוצר חיים בשם הפרשיסחא)

## לפרשת מסעי

**פארוואס שטייט נישט נָשִׂיא און נישט בְּנֵי?**

וְאֵלֶּה שְׁמוֹת הָאֲנָשִׁים לְמַטֵּה יְהוּדָה כָּלֵב בֶּן יְפֻנֶּה: וּלְמַטֵּה בְּנֵי שִׁמְעוֹן שְׁמוּאֵל בֶּן עַמִּיהוּד: לְמַטֵּה בִנְיָמִן אֱלִידָד בֶּן כִּסְלוֹן: וּלְמַטֵּה בְנֵי דָן נָשִׂיא בֻּקִּי בֶּן יָגְלִי: (לד יט–כב) פרעגט דער רבינו בחיי פארוואס ביי יְהוּדָה, שִׁמְעוֹן און בִּנְיָמִן שטייט נישט נָשִׂיא און ביי די אנדערע שטייט יא נָשִׂיא, אזוי ווי בְּנֵי דָן נָשִׂיא בֻּקִּי בֶּן יָגְלִי וגו׳? אויך איז שווער פארוואס שטייט נישט ביי יְהוּדָה און בִנְיָמִן– בְּנֵי: לְמַטֵּה יְהוּדָה כָּלֵב, לְמַטֵּה בְּנֵי שִׁמְעוֹן, לְמַטֵּה בִנְיָמִן, לְמַטֵּה בְּנֵי דָן? נאר מען קען ענטפערן אז דער בית המקדש איז געבויעט געווארן אין חלק פון יְהוּדָה און בִּנְיָמִין, (יומא יב.) דעריבער אלץ דער חשיבות פון יְהוּדָה און בִּנְיָמִין אליין שטייט נישט ביי זיי בְּנֵי, אויך וועגן דעם שטייט נישט נָשִׂיא ביי זיי, וועגן די חשיבות פון שבט, אבער פארוואס שטייט נישט נָשִׂיא ביי שִׁמְעוֹן? נאר די גמ׳ (ב"מ דף פ"ה ע"ב) דערציילט אז רבי האט זייער געוואלט געבן סמיכה פאר שמואל ווייל ער איז געווען זייער חשוב, אבער עס האט זיך נישט געמאכט וועגן א סיבה, און רבי איז געווען זייער בצער וועגן דעם, האט אים שמואל געזאגט זיי נישט בצער ווייל איך האב געזען אין ספר אדם הראשון וואס שטייט שמואל איז א חכם אבער נישט א רבי. און דאס צו מסביר זיין: ווייל עס איז מקובל אז ספר אדם הראשון מיינט די הייליגע תורה, וואס דארט שטייט נאר איין מאל דער נאמען שמואל, און דאס איז דא ביי אונז לְמַטֵּה בְּנֵי שִׁמְעוֹן שְׁמוּאֵל בֶּן עַמִּיהוּד, ממילא שטייט נישט נָשִׂיא כדי נישט צו מצער זיין רבי שפעטער אז ער האט נישט געקענט געבן סמיכה פאר שְׁמוּאֵל, ווייל אין די תורה שטייט נישט נָשִׂיא ביי שְׁמוּאֵל ודו"ק. (אמרות ה׳ השלם להגאון ר׳ משה אריה ליב סג"ל ליטש ראזענבוים זצוק"ל אב"ד פרעשבורג) דער הייליגער אור החיים הק׳ ברענגט פון רבינו נסים גאון אז ביי יְהוּדָה דארף נישט שטיין נָשִׂיא ווייל אלע ווייסן אז כָּלֵב בֶּן יְפֻנֶּה איז געווען א נָשִׂיא, און שבט שִׁמְעוֹן האט מען געשטראפט וועגן די מעשה פון זייער נָשִׂיא זמרי, און בנימין איז זייער נָשִׂיא געווען אֱלִידָד וואס איז אֶלְדָּד, וואס ער איז געווען א נָבִיא, און א נָבִיא איז אין א העכערע מדריגה פון נָשִׂיא, וועט זיין א בזיון אים צו רופען נָשִׂיא.

**נאך א מהלך פארוואס ביי יהודה און בנימין שטייט נישט בְּנֵי?**

מען קען ענטפערן אז בְּנֵי איז א לשון פון יונג, אזוי ווי בְּנֵי יוֹנָה מיינט א יונגע יוֹנָה, און פַּר בֶּן בָּקָר מיינט א יונגע בָּקָר. דעריבער ביי די אלע שבטים וואס זענען דא אויסגערעכנט זענען געווען נייע נשיאים וואס זענען געווען יונג, דעריבער שטייט ביי זיי בְּנֵי, אבער לְמַטֵּה יְהוּדָה איז זייער נשיא געווען כָּלֵב בֶּן יְפֻנֶּה, וואס ער איז שוין געווען א זָקֵן, און ביי לְמַטֵּה בִנְיָמִן איז זייער נשיא געווען אֱלִידָד בֶּן כִּסְלוֹן, וואס איז אויך שוין געווען א זָקֵן וואס ער האט שוין לאנג געזאגט נבואה ווי עס שטייט וַיִּשָּׁאֲרוּ שְׁנֵי אֲנָשִׁים בַּמַּחֲנֶה שֵׁם הָאֶחָד "אֶלְדָּד" וְשֵׁם הַשֵּׁנִי מֵידָד וַתָּנַח עֲלֵהֶם הָרוּחַ וגו׳ "וַיִּתְנַבְּאוּ בַּמַּחֲנֶה": (במדבר י"א כ"ו) און דער רבינו בחיי שרייבט אז אֱלִידָד איז אֶלְדָּד, דעריבער איז הפלא פארוואס ביי יְהוּדָה און בִנְיָמִן שטייט נישט בְּנֵי, ווייל זייערע נשיאים זענען געווען אלט, משא"כ ביי די אלע אנדערע שבטים וואס האבן געהאט יונגע שבטים, שטייט בְּנֵי. (המו"ל עפ"י חומש רב פנינים)

# מדור העובדות לכבוד ההילולא כ"ב תמוז

*****הרה"ק ר' שלמה קארלינער זצוק"ל ברענגט א יונגערמאן צו ווערן פון די בני עליה*****

אין שטאט באַרדיטשוב האט געוואוינט ר' מאיר, א יונגערמאן א עובד ה', און א תלמיד חכם בנגלה ובנסתר, ער האט געלערנט אין גמ' (סוכה מ"ה:) "ראיתי בני עלייה והן מועטין" אז אין יעדן דור זענען דא בני עליה צדיקים וואס קענען אריינגיין אין גאר הויכע ערטער אין בעטן רשות, און ער האט געוואלט טרעפן דעם צדיק. זיין טאטע און זיין שווער זענען געווען גרויסע עשירים און למדנים, אבער אויך גרויסע מתנגדים, און האבן נישט מסכים געווען אים ארויס צו לאזן פון זייער שטאט. ער האט זיך אבער נישט געקענט איינהאלטן, און זיין ווייב האט געוואוסט זיין עבודה איז מיט א אמת, האט זי אים געגעבן די הסכמה צו אנטלויפן און גיין זוכן דעם צדיק, אזוי איז ער געגאנגען פון איין שטאט צום צווייטן, און בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו מן השמים (מכות י' ע"ב) און מן השמים האט מען אים געפירט צו הרה"ק רבי שלמה קארלינער זצוק"ל.

ווען ר' מאיר האט אים געזען, האט ער געפילט אז דאס איז דער צדיק וואס ער זוכט, און ער איז דארטן געבליבן. עס איז אריבער א שטיק צייט, און ר' מאיר האט באקומען א בריוו פון זיין פרוי אז זייערע צוויי קינדער זענען קראנק געווארן ל"ע, און זי האט נישט מיט וואס זיך צו מפרנס זיין, און אויך נישט קיין געלט פאר רפואות און דער מצב איז זייער שווער. ווען ער האט געליינט דער בריוו איז זיין הארץ צוגאנגען, און ער איז גלייך אריין צום רבין מיט א קוויטל און ער האט אים אויך געוויזן דעם בריוו, האט דער רבי געענטפערט אז ער קען אים נישט העלפן נאר עס זאל גיין צו ר' לוי יצחק [פון באַרדיטשוב] אין פינסק און ער וועט דיר שוין הייסן וואס צו טאן.

ר' מאיר איז געגאנגען צו ר' לוי יצחק זצוק"ל און אים געזאגט אז הרה"ק ר' שלמה פון קארלין האט אים געשיקט צו אים, און ר' מאיר האט געוויזן דעם בריוו און האט זיך צו וויינט, ר' לוי יצחק האט זיך פארטיפט אין זיינע געדאנקען און ער האט אים געזאגט, דיין רבי האט דיר נישט געוואלט זאגן, אבער איך וועל דיר יא זאגן: זאלסטו וויסן אז דיין עונש איז געקומען ווייל דו האסט א ביכל פון כתב יד וואס דאס איז טאקע טיפע קבלה און דו האסט באמת גרוים הנאה דאס צו לערנען, אבער דער מחבר איז געווען א גרויסער רשע, און איך בין דיר מבטיח, אויב דו וועסט דאס פארברענען, וועלן דיינע זין ווערן געזונט און דו וועסט זוכה זיין צו תורה און גדולה!

ר' מאיר האט געהערט וואס ר' לוי יצחק האט אים געזאגט, אבער עס האט אים ווי געטאן אז ער זאל דארפן פארברענען אזא זיסע ספר, וואס ער האט אסאך געלערנט פון דעם, און ער האט פארדעם געצאלט א פארמעגן מיט געלט! ווען ער איז צוריק געקומען צו ר' שלמה האט ר' מאיר אים געזאגט אז ער האט געוואוסט וועגן די כתבים, אבער ער האט נישט געהאלטן אז עס איז נישט אזוי שלעכט, און ער וויל וויסן צו ער דארף דאס טאקע פארברענען? האט אים ר' שלמה געזאגט: אזוי ווי דער אויבערשטער האט דיר ביז יעצט געפירט אין די ריכטיגע וועג, און אז ער ווייסט אויך אז דאס וואס ר' לוי יצחק האט דיר געזאגט איז אמת, און דער סיבה פארוואס איך האב דיר נישט געוואלט אליין זאגן, איז כדי זאלסט אויך הערן פון נאך א צדיק, ממילא זאלסטו פאלגן! און אלע ברכות פון תורה און גדולה וועלן קומען אויף דיר, ר' מאיר האט גענומען די כתבים און דאס אריין געווארפן אין פייער!

ר' מאיר איז געבליבן נאך זעקס וואכן ביי'ר ר' שלמה אין קארלין, און נאכדעם האט אים רבי שלמה אהיים געשיקט און זיך געזעגנט פון אים, און געוואונטשן מיט פיל ברכות, ווען ער איז אהיים געקומען האט אים אנגעטראפן די ברכה אויף עשירות, איינמאל איז ער געפארן אויפ'ן וועג צו האנדלען מיט סחורה. אין מיטן וועג איז ער אנגעקומען צו א קרעטשמע וואס צווישן די געסט איז אנגעקומען ארימעלייט, און ער האט געליגט א אויג אויף איינעם פון די ארימעלייט וואס האט געהאט א גאר שיינע הדרת פנים און ער האט געזען ווי ער גייט צו צום בעל אכסניא און וויל קויפן א ברויט, אבער ער האט נישט געוואלט נעמען די ברויט,

ר' מאיר קוקט און טראכט ביי זיך וואס איז דא געשען? פרי'ערט האט ער יא געוואלט קויפן די ברויט און פלוצלינג נאכדעם האט ער נישט געוואלט נעמען די ברויט! האט ר' מאיר פארשטאנען אז דאס איז נישט קיין פשוטער מענטש און ער איז געגאנגען צום ווייב פון בעל אכסניא און איר געפרעגט צו זי האט אפגעשייד חלה? האט זי געענטפערט אז איר שנור האט אפגעשייד חלה, האט ער געהייסן מען זאל איר רופן, און מען האט איר געפרעגט צו זי האט אפגעשייד חלה? האט זי געענטפערט, אז איר שוויגער שייד אפ אלעמאל די חלה, האט ר' מאיר שוין פארשטאנען אז מען האט נישט מפריש געווען חלה, און וועגן דעם האט דער ארימאן נישט געוואלט עסן פון די ברויט ווייל ער האט דאס מרגיש געווען!

ר' מאיר איז געגאנגען זוכן דעם ארימאן און האט געפרעגט וואו ער איז? האבן זיי געזאגט אז אפאר מאל איז ער אין וואלד און נאך דעם קומט ער צוריק! האט ר' מאיר געפרעגט אין וועלכע וואלד? און ער איז דארטן אים געגאנגען זוכן. ער איז געגאנגען פון איין וואלד צו די אנדערע ביז ער האט אים געטראפן זיצן ביי א האלץ, און ער איז געווען זייער פארטראכט, ר' מאיר איז צוגעגאנגען צו אים און געפרעגט וואס איז זיין נאמען? האט דער איד געפרעגט פארוואס דארפסטו וויסן? האט ר' מאיר געענטפערט: איך בין געווען צוויי יאר ביי מיין רבי ר' שלמה אין קארלין און דארטן האב איך געלערנט צו פארשטיין אויף מענטשן און איך זע אויף דיין פנים אז דו ביסט פון די באהאלטענע צדיקים! האט ער אים געענטפערט: מיין נאמען איז לייב שרה'ס, און דו האסט געהאט די זכיה מיר צו זען נאר ווייל דו האסט זיך צו געהערט וואס ר' לוי יצחק האט דיר געזאגט און דו האסט פארברענט דיינע כתבים, און איך וועל דיר דערציילן א סוד: אז מיין גיין אין גלות איז כדי צו מתקן זיין וואס יענער רשע האט קייליע געמאכט!

ר' מאיר איז נתפעל געווארן פון די רייד פון ר' לייב שרה'ס, און געזען אז דער אויבערשטער האט אים געפירט אין די ריכטיגע וועג, און ער האט געבעטען א ברכה פון אים, ר' מאיר האט געהאט גרויס הצלחה אין זיינע געשעפטן, און ער איז ארויף קיין ארץ ישראל וואו ער איז אויסגעשטיגן אין עבודת ה' און געווארן פון די בני עליה, ר' מאיר האט דערציילט דער גאנצע סיפור צום הרה"ק ר' משה צבי מסאווראן זיע"א. (שמע שלמה - פרי ישע אהרן)


**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה**

ספר יד שאול על הל' שבועות דפו"ר עם הגהות הגאון ר' גרשון ליטש סג"ל רוזנבוים בעל משיב דברים 2000$, ד' ספרים עם הרבה הגהות הגאון ר' ליפמאן ביליצער אב"ד אלטענדארף, אחיו של הגאון ר' עמרם ישי מסערענטש, וחמיו של הגאון ר' מרדכי שטראססער 2000$, ספר שו"ת יד יוסף תרל"ד הרה"ג ר' יוסף יואל דייטש הגהות כת"י א חתימה הרה"ג ר' יעקב דובער הלוי הורוויץ 800$, ספר שו"ת חוט השני עם חתימת הגאון ר' יוסף מטעלז, ספר עדת יעקב מאדמו"ר מנאוואמינסק שייך להגאון ר' אברהם פאם עם הקדשת המחבר 200$, סעט עצי חיים מצב מפואר 800$ אוהב ישראל אפטא דפו"ר 2800$ א סעט מחזורים זיטאמיר אשכנז, שו"ת מים חיים געדרוקט אין זיטאמיר, ספר דברי יהושע מאניסטריטש דפוס ראשון באַרדיטשוב, מס' עירובין פון סלאוויטא ר' משה שפירא. מכתב מהגאון מראגאטשוב, מכתב הרה"ק מהוסיאטין, מכתב הרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, ספר אדמת קודש וואס האט באלאנגט צו הגאון ר' אברהם פאם, ספר מיט חתימת הגאון ר' יעקב קמינצקי, פרעגט אין טלפון אדער אימייל די אלע פרייזן און אויך וועגן אנדערע ספרים און בריוון,

**4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11:30-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to - pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday see us also on the web at *www.seforimworld.com***

**א רשימה פון אונזערע ספרים און בריוון צו באקומען מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פאר פדיון נפש**


**הרחמן הוא יחזיר לנו את עבודת בית המקדש ונזכה לראות בנחמת עם ישראל**